Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat — פרייז 20 גראשען — היינט 8 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

אונפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 262/1257 | Łódź, Środa 16 listopada 1927 | פינפטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מיטוואָך, כא מרחשון תרפ"ח | Nr. 262/1257

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 71-24. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

# דער מוראדיגער אויפרייס אין פּיטסבורג.

## אויפגעריסען די גרעסטע גאַז-ציסטערנע אין דער וועלט. - א שטיק פון דער ציסטערנע פאַלט אויף א טראַמוואַי און צושמעטערט איהם אויף שטיקער. - 6 הונדערט געליטענע.

ניו-יאָרק, 15. (ספּ. טעל.) וועגען דער שרעקליכער קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געשעהן אין פּיטסבורג (אַמעריקא) בעת וועלכער ס'האָט אויפגעריסען אַ גאַז-רעזערוואואַר ווערען מיטגעטיילט פאָלגענדע פּרטים. די ציסטערנע האָט געהערט צו דער געזעלשאַפט „עקוויטעבל" און האָט געהאַלטען 5000 קוביק-פוס, דאָס איז געווען די גרעסטע ציסטערנע אין דער וועלט,

אין דער גאַזאָווניע האָבען בשעת מעשה געאַרבייט 300 מענשען. ביז-איצט האָט מען אַרויסגעצויגען 30 דער-הרג'עטע. סך הכּל האָבען פון דער קאַ-טאַסטראָפע געליטען 600 פּערזאָן, אַר-בייטער און איינוואוינער פון דער שטאָט.

דער אויפרייס איז געווען אַזאַ גע-וואַלטיגער, אַז די מעכטיגע שטאָהל-פונדאַמענטען און „שטאָהל-ראַהמען פון דעם רעזערוואואַר זענען אַוועקגעשליידערט געוואָרען אויף אַ מרחק פון עטליכע מייל ווייט. אַרום 200 קינדער, וועלכע האָ-בען זיך גראָד געשפּילט אויף אַ שול-הויף מיט עטליכע גאַסען ווייטער פון דער ציסטערנע זענען פאַרוואונדעט גע-וואָרען.

די באַפעלקערונג איז אין פּאַניק אַרויס אויף דער גאַס. אויף איין טראַמוואַי, ווייט פון דער קאַטאַסטראָפע, איז אַראָפּגעפאַלען אַ קאָלאָסאַל שטיק אייזען און האָט דעם וואַגאָן צושמעטערט אויף שטיקער. די פּאַסאַזשירען זענען פאַר-וואונדעט געוואָרען.

אין די פאָרשטעדט פון פּיטסבורג האָבען זיך די הייזער געוואַקעלט ווי בשעת אַן ערד-ציטערניש. גאַנצע גאַסען זענען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין חורבות. די טעלעפאָן- און טעלעגראַף-דראָטען זענען פאַרניכטעט געוואָרען.

דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבען פאַר-גיסען די צושטערטע הייזער. פּאָליציי, מיליטער און פייערלעשער זענען פאַר-נומען מיט דער רעטונגס-אַקציע.

די קאַטאַסטראָפע איז, ווי מ'איז זיך משער פאָרגעקומען צוליב אַ פּאַפּיראָס, וועלכען עמיצער האָט פאַרוואָרפען נע-בען אַן עפענונג פון דער גאַז-צוסטערנע.

# ערב וויכטיגע געשעהענישען אין רומעניען

### סענסאַציאָנעלער בעפרייאונגס-אורטייל פון געריכט אין פּראָצעס פון פּרינץ קאַראָל'ס אָנהענגער מאַנאילעסקו.

בוקאַרעשט, 15 (ספּ. טעל.) היינט האָט דאָס בוקאַרעשטער קריגס-געריכט אַרויסגעטראָגען דעם אורטייל אין פּראָצעס פון געוו. מיניסטער מאַנאי-לעסקו, וועלכער איז געווען בעשולדיגט אין מלוכה-פאַרראַט, דהיינו געפינען זיך אין בעציהונגען מיט דעם ג. קרוין-פּרינץ קאַראָל. דאָס געריכט האָט מאַ-נאילעסקו'ן פרייגעשפּראָכען, ד. ה. אָנערקענט, אַז דער קאָנטאַקט מיט'ן געוו. קרוין-פּרינץ, וועלכער פיהרט איצט אַן אַקציע צוריק צו בעקומען דעם טראָן, איז נישט קיין מלוכה-פאַרראַט.

דער אורטייל האָט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלען רושם, ווייל ער לעגאַליזירט די בעוועגונג פון פּרינץ קאַראָל און זיינע אָנהענגער און איז געווענדעט געגען דער איצטיגער רעגירונג פון די ליבעראַלען מיט די ברידער בראַטיאַנו בראש. מ'ערוואַרט, אַז גאָר אינגיכען זאָלען אין רומעניען פאָרקומען זעהר וויכטיגע פּאָליטישע שנוים.


### דאַנקזאַגונג.

אַלע אָנטיילנעהמער, וועלכע האָבען זיך אַזוי צאָהלרייך בעטייליגט אין דער לויה פון מיין אונפאַרגעסליכען מאַן

## נ"ע יחיאל מאיר

און איהם אָפּגעגעבען זיין לעצטען כבוד, דריק איך אויס מיין טיפסטען דאַנק

350 בלומע לעווקאָוויטש.

צו די שלשים פון די אין ווייסבאַדען פאַרשטאָרבענע און דאָרט בעערדיגטע

## נ. ע. חנה עלקה ליפשיץ

(געב. מינצבערג)

וועט היינט מיטוואָך, כ"א מרחשון, (דעם 16-טען נאָוועמבער) אין דער שוהל פון זקנים-הויז פּאָמאָרסקאַ 54 אָבגעריכט ווערען אַ הזכרה און עס וועט אויך באַלד פאָרקומען די

### איינוויהונג פון א צימער אין נייעם פּאַוויליאָן אויף איהר נאָמען

צו וועלכער עס לאַדעט איין די קרובים און פריינד פון דער פאַרשטאָרבענער, ווי אויך די מיטגלידער פון דער חברה „מחסה לזקנים"

די פערוואַלטונג.

אין געמיינזאַמען טרויער צוליב'ן טויט פון אונזער ליבען ברודער

## נ"ע יחיאל מאיר (געב. אין אָזאָרקאָוו)

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען ביילייד אונזער ליבע שוועגערין

בלומע. ברידער יאַקוב און אברהם לייב לעווקאָוויטש און פאַמיליעס.

350

מיין איניגסטען ביילייד דריק איך אויס דער פאַמיליע ליבערמענש און בעזונדערס מיין כלה רחטשע, צוליב'ן טויט פון זייער אונפאַרגע-ליכען מאַן און פאָטער

## גוטמאַן נ"ע

זייט געטרייסט! 154 פּרץ גינזבערג.

מיין ליבע שוועסטער בלומע, צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון איהר ליבען מאַן און מיין שוואָגער

## נ. ע. יחיאל מאיר לעווקאָוויטש

דריק איך אויס מיין טיפסטען מיטגעפיהל

350 סאַלאַ גאַרבאַרסקא.

טיף געריהרט פון דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער פריינד און מיטגליד

נ. ע.

## גוטמאַן ליבערמענש

דריקען מיר אויס דעם הערצליכסטען מיטגעפיהל דער הינטערבליבענער פאַמיליע

די גבאים: ל. שטשופּאַק, מ. דימאַנט

און די מיטדאַוונער: ג. זענטקאָווסקי, ד. כאַינאַצקי, נ. זיגער, א. שיינערט, ד. מאַיעראָוויטש, מ. לוביטצקי, י. שטשופּאַק, מ. ווידאַווסקי, י. דזיאַלאָשינסקי, מ. ווידאַווסקי, פּ. פּראַוו, ש. קליינמאַן, ש. יורקיעוויטש, ז. אָרדינאַנס, י. מאָרגענטאַלער. 358

דער פרוי בלומע לעווקאָוויטש, צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון איהר מאַן, אונזער אונפאַרגעסליכען חבר

## נ"ע יחיאל מאיר

דריקען מיר אויס אונזער אויפריכטיגסטען ביילייד.

### אַרבייטער און פּערסאָנאַל

350 פון דער פירמע מ. ווינבערג.

אַ דאַמסקע

## ניי-מאַשין

אין גוטען צושטאַנד ווערט געזוכט! צו קויפען. אָפּפערטען אין אַדמיניסטר. אונטער „מאַשין".

